## דיא וועקס אין דרייסיג (נִסִים) זענין אַרוס גינומען פון פיהל טייערי סְפָרִים :

מיר גיפינען אין דיא מדרשים אונ אין די ספרים הקדושים זיי רעכינין אוס פיל נסים וואס האט נאר קיין מאל גיט וואס איז אַלעס גשעהן ביי דעם ים . אונ חאטשע אין מַסֶכֶת אָבוֹת זאגט דאך די משנה דס אוף דם ים איז נאר גשעהן צעהן נסים קען מען זאגן דאס אונ יעדין נס פון דיא צעהן נסים איז נכלל גוועזן כַּמָה וְכַמָה נסים אוף רעכינט נאר אוס דער תַּנָא פון די משנה די נסים וואס עס איז גוועזן מיט דם וואסר זעלבסט ניט די אנדרי נסים וואס עס איז אוף גוועזן בעת קריעת ים סוף איבר דעם האבן מיר מלקט גוועזן פון פיל ספרים פרשידינע נסים וואס עס איז גשעהן אין די הייליגע נאכט פון שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח עס איז גוועזן נאך פיל נסים וואס מיר זענן ניט בִּיכוֹלֶת אַלעם אוס צוא רעכינין דער פון קען יעדיר מענש זיך אַמוסר אַרוס נעמין צוא שטארקן דאס הארץ אין דיא אמונה צוא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא . דען זיינע גבורות מיט זיינע וואונדער איז אין לשער אונ אַמענשליכער כח איז עס נאר ניט אוס שטאנד אוס צו רעכינען

(א) ווען דער ים סוף איז גשפאלטין גוורין זענין אלו ימים אין טייכון פון דער גאנצער וועלט אוך גשפאלטין גווארין אפילו דיא וואסור וואס זענין גוועזן אין כלים . אונ אין בְּרֵיכִים אין אין פעסיר זענין אוך גטיילט גווארין אוף צוועליף טייל . אונ אַלע פעלקר האבן גוואוסט פון דם גם אז דער ים איז גשפאלטין גווארין פאר דיא יודינס וועגין : (ב) ווי די יודין האבן אן גהובן גיין אין ים איז דיא וואסור פאר זיי אנטלאפען גווארע: אונ זיי האבן זיך גשטעלט אין צווייא זייטין ווייא צוויי מאהרין אונ אין מיטין איז גוון אוועג אין עס האט אוס גזעהן אזו ווי אמאהר וואס איז גלייגט אציגיל אוף אציגיל אזו איז דיא וואסיר אוך גוועזן גמאכט ווי אציגיל אוף אציגיל : (ג) דער ים איז גשפאלטן גווארען אוף צוועליף וועגין יעדיר שבט איז גגאנגען אין איין אנדרין וועג אונ אלע יודין זעהי׳ איי׳ר דעם אנדרין דורך דעם וואסיר ווייל דאס וואסר איז גווארין ווייא קריסטאל אונ אובין איבער דם ים איז גוורין בדעקט אזו ווי אדך פון וואלקינס: (ד) דער ים איז ניט גשפאלטין גווארין אונ גאנצין מיט איין מאל פון איין עק ביז צום אנדערין עק עס זאל ווערין אלאנגיר וועג . נר אזו ווי דיא יודין זענין גגאנגי אזו האט זיך די וואסר גשפאלטין געבין זייא אלע מאל ווייטיר ביז צום ענדע ים :

(ה) דאס וואסער פון דעם ים איז תמיד גזאלצין אונ צו דער צייט וואס דיא יודין זענין גגאנגין אין ים . איז ארוס גקימן פון קוואל זוס וואסור זייא זאלין האבן צום טרינקן אין דיא אובריגי וואסיר זענין פאר הארטעוועט גוועזן ווייא שטיין :

(ו) דער אפ גרינד איז ארוף גשווימען אין דער הייך אונ איז גווארין גלייך מיט דם ברעג ים : (ז) דיא וואסר וואס איז גווארי׳ ווייא אמויער פון ביידע זייטין . איז גוועזן אין מיטין אשמאלור וועג נאר די יודין זאלין קענין דורך ג״ין אין נאר פון ביידע זייטין איז גוון די וואסר ווייא זמאור אבער ניט פון הינטן אין ניט פון פארינט :

(ח) דער מצרי וואס האט גוואלט אנטלופן פון ים . האט אים דער וואל פון ים נאך גיגט אין האט אים צורוק אריין גטריבין אין ים ביז ער איז דערטרינקן גווארין :

(ט) דער שבט בנימין אונ נחשון בן עמינדב זענין דיא ערשטע וואס זענין אריין גשפרינגן אין ים ביז דיא נאז אין וואסער אין דם וואסער פון ים האט זייא ארים גרינגילט פון אלע זייטין אין גאט האט זיי ארוס גהאלפן :

(י) דער אפ גרונד פון ים איז גוועזן ווייא אשיין פעלד וואס וואקסט אוף איר גראז אין עס האט גשמעקט ווייא אלערליי בשמים אונ עס איז גוועזן ווייא פיילצין גרוהע אין אוף איטליכין פלין איז גוועזן אטארים אין אוף איטליכן טארום איז גוון אשומר אזו האבן די מלאכים גהיט די ישראל:

(יא) דיא מעוברתו ווייבער זענין זייערו ביכר גווארין ווי גלאז אין די קונדער וואס אין זיי האבן גזען די שכינה אין האבין גזאגט שירה (זה אלי ואנוהו) אקונד איז גלעגין ביי דיא ברוסט פון זיין מוטער אין האט גזייגט ווי ער האט דער זעהן די שכינה האט ער ארוס גלאזט די ברוסט פון מול אין האט אוף גהובין דעם קאפ אין האט גזאגט זה אלי ואנוהו אזו האבון גיטאן אלע זיינעדיגע קינדער :

(יב) אמוטר וואס האט גהאלטן אקונד אוף דיא האנט אין דס קינד האט גוויינט האט דיא

מוּטָר אוּם גְצוֹגִין דִי הַאנְט אִין הָט גְנִימֶן פוּן יַם אַפִילוּ אֲדִיר אֲמוֹל גְרוֹס אוּנ הָט גְגֶעבִּין דֶם קוּנְד. זַיי הָבּוּנָאר גְזָגְט דִי זַאךְ וִוילוּן מִיר אִיז דִי זַאךְ שׁוֹן בַּשַׁאפוּן גְוָוארִין ר׳ שִׁמְעוֹן זָאגְט אָפִילוּ זַיי הָאבְּן נָאר נִיט גְרֶעט זַיי הָאבְּעִן נָאר גְטְרַאכְט פוּן דִי זַאךְ אִיז דִיא זַאךְ שׁוֹן בַּשַׁאפוּן גְוָוארֶען:

(יג) אַז אַקוּנְד אִיז גְוֶועזְן דָארְשְׁטִיג הָאט דִי מוּטָר אָז גְשֶׁעפְּט אַקְרִינְגִיל וַואסֶר פוּן יַם אִין הָט אִים גְגֶעבִּין טְרִינְקְעֶן. אִין דָאס וַואסֶר אִיז גְוֶועזְן זִיס אִין גְשְׁמַאק:

(יד) דִיא עֶרֶב רַב הָאבְּן נִישְׁט גְזֶעהֶן דִיא שְׁכִינָה זַיי הָאבּוּן נָאר גְזֶעהֶן דִיא טְרִיט פוּן דִיא מַלְאָכִים: (טו) דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ הָט גְרוּעֶט אוּף דִיא יוּדִין אוּנ אַלוּ צוּ זַאמֶען הָאבִּין גְלַייךְ גְזָגְט שִׁירָה: (טז) גָאט הָט אַוואוּנְק גְטָאן צוּם לַאנְד מִצְרַיִם׳ הָט זִיךְ דָם לַאנְד אוּף גוּהוֹבְּן הָאבְּעִן אַלֶע מִצְרִים גְזֶעהֶן וִוי זַייעֶרֶע בְּרִידֶער וֶוערִין דֶר טְרִינְקְעֶן אִין יַם:

(יז) דָתָן אוּנ אֲבִירָם הָאבְּן נִיט גְוָואלְט אַרוֹס זַיין פוּן מִצְרַיִם וִוי זַיי הָאבּוּן גְזֶעהֶן דִי נִסִים פוּן יַם זֶענִין זַיי גְקִימֶן צִים יַם הָט גָט גְשְׁפַּלְטִין דֶם יַם נָאךְ אַמָאל נָאר פוּן זַייעֶרט וֶועגִין:

(יח) דִיא וַואלִין פוּן יַם הָאבְּן אוֹס גְזֶעהֶן וִוי פֶערְד נְקֵבוֹת. אִין דִי פֶערְד פוּן דִי מִצְרַיִם זֶענִין גְוֶועזְן זְכָרִים. פֶערְד הָאבִּין לִיבּ זְנוּת זֶענִין דִי זְכָרִים גְלָאפוּן צוּא דִיא נְקֵבוֹת. הָאבְּן זַיי אַרַיין גְשְׁלֶעפְּט דִי מִצְרַיִם וָואס הָאבְּן גוֹרִיטְעֶן אוּף זַיי אוּנ יַם. אוּנ זֶענִין בֵּיידֶע דֶר טְרִינְקְעֶן גְוָוארֶען:

(יט) דֶער מִצְרִי הָט גְזָאגְט צוּם פֶערְד נֶעכְטִין הָאבּ אִיךְ דִיךְ גִיצוֹגִין צִים יַם אִין דִיא הָאסְט נִיט גְוָואלְט גַיין אִיצְט שְׁלֶעפְּסְטוּ מִיךְ צוּם יַם אוּנ זוּילְסְט מִיךְ דֶער טְרִינְקְעֶן הָט דֶם פֶערְד גְזָאגְט דָמָה בַּיָם. זֶעה נָאר וֶוער עֶס אִיז דָא אוּנ יַם דֶר הֶער פוּן דֶר וֶועלְט אִיז דָא אִיז יַם:

(כ) פְרִיעֶר הָאבִּין דִי פֶערְד גְצוֹגִין דִיא רַייט זָנִין אִיצְט הָאבִּין דִי רַייט וָוגִין גְצוֹגִין דִי פֶערְדִ:

(כא) דֶער גְעֶנֶערַאל אִיז צוּא גְבִּינְדִין גְוָוארוּן צוּם פֶערְד אִין דָאס פֶערְד צוּם גְעֶנֶערַאל זַייא הָאבְּן זִיךְ נִיט גְקֶענְט אָפּ שֵׁיידִין אֵיינֶר פוּן אַנְדֶרִין. אִין זֶענִין צוּא זַאמֶן דֶר טְרִינְקִין גְוָוארִין דָאס וַואסֶער הָאט זַיי גִיהוֹבִּין אִין דֶר הַייךְ אִין זֶענִין אָרָאפּ צוּם גְרִינְט: (כב) דָם וַואסֶער הָט מִלְחָמָה גְהַאלְטִין מִיט דִי מִצְרִים מִיט חָכְמָה. דִי רְשָׁעִים זֶענִין גְשְׁוִוימֶן אַלַאנְגֶע צַייט אוּף דֶעם וַואסֶער. אִין הָאבְּעִן זִיךְ גְדְרֵייט אוּף אַיין אוֹרְט וִויא אַשְׁטְרוֹי דִיא מִיטְלֶע זֶענִין אַרָאפּ אִין וַואסֶער אַזוֹ וִויא אַשְׁטֵיין דִי פְרִימֶע זֶענִין אַרָאפּ גְשְׁוִוינְדֶער צוּם גְרִינְד אַזוֹ וִויא בְּלַיי:

(כג) דֶער עַמוּד אֵשׁ הָט הַייס גְמַאכְט דִיא עֶרְד אַז דִיא קְלָאהוּן פוּן דִיא פֶערְד זֶענִין פַאר טְרִיקְנְט גְוָוארִין אוּנ אַרָאפּ גְפַאלִין הָט זַיי אָן גְהוֹבִּין צוּא בְּרֶענִין דִי פִיס זֶענִין זַיי גְלָאפוּן אִין יַם זִיךְ אָפּ קִיהְלִין:

(כד) דֶער יַם הָט אַרוֹס גְוָוארְפְן דִי מִצְרִים אוּף דֶר יַבָּשָׁה אוּנ דִי יַבָּשָׁה הָט זַיי צוּרִיק אַרַיין גְוָוארְפְן אוּנ יַם. דֶער יַם הָט גְזָאגְט צוּ דִי יַבָּשָׁה דִי מֶענְשְׁן זֶענְן פוּן דִיר גְקוּמְן נֶעם זַיי דִיר צוּרִיק אִין דִי יַבָּשָׁה הָאט גְזָאגְט צוּם יַם דִי הָאסְט זַייא גְהָרְגִת דַארְפְסְטוּ זַיי בַּגְרָאבְּן דִי עֶרְד הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ אַמָאהְל צוּ גְנוּמֶן דָם בְּלוּט פוּן אַיין מֶענְשׁ. פוּן הֶבֶל. הָט גָאט מִיךְ גְפְלוּכְט וִוי אַזוֹ וֶועל אִיךְ הִיצְט צוּא נֶעמִין אַזוֹ פִיל מֶענְשִׁין. הָט גָאט גְשְׁווארִין צוּ דִי עֶרְד עֶר זָאל זִיא מֶער נִיט מִשְׁפְּטֶן אוּנ נִיט שְׁטְרָאפְן פַר דִיא מֶענְשְׁן וָואס זִיא וֶועט הִיצְט צוּ נֶעמִין אִיז גְוָוארִין אַנָס דִי עֶרְד הָט אַיין גְשְׁלִינְגְן אַלוּ טוּטֵי מִצְרַיִם:

(כה) וֶוען דֶר יַם הָט אַרוֹס גְוָוארְפְן דִיא מִצְרַיִם אוּף דִיא יַבָּשָׁה זֶענְן זַיי נָאךְ נִיט גְוֶועזְן טוֹט זַיי הָאבְּן נָאךְ אַבִּיסֶל גְלֶעבְּט. יֶעדֶר יוּד אִיז צוּ גְגַאנְגְן צוּ זַיין מִצְרִי וָוס הָט אִיהְם גְפַּיינִגְט אִין גְשְׁלָאגְן אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ אוֹם דִי גְדֶענְקְסְט וִוי דִי הָאסְט מִיךְ גְשְׁלָאגְן הִיצְט זֶעה דַיין סוֹף. אִין אִיךְ זֶעה אוּף דִיר אַנְקָמָה:

(כו) דִי מִצְרַיִם זֶענִין גְוֶועזְן מְכַשְּׁפִים זֶענְן פִיל פוּן זַיי מִיט כִּשׁוּף אַרוֹס פוּן יַם הָט דֶר יַם גְזָאגְט וִוי אַזוֹ קֶען אִיךְ אַוֶועק לָאזִין דִי מֶענְשִׁין וָוס גָאט הָט זַיי פָּקִיר גְגֶעבִּין צוּ בַּהַאלְטִין אִיז דֶם וַואסֶר פוּן יַם גְלָאפְן אוּנ הָט זַיי צוּרִיק אַרַיין גְשְׁלֶעפְּט אוּנ יַם אוּנ הָט זַיי בַּאלְד נֶהְרַג:

(כז) וֶוען דֶער יַם אִיז גְשְׁפָּאלְטְן גְוָוארִין אִיז גְוָוארֶען פִינְסְטֶר דֶער הִימֶעל אִיז בַּארֶעקְט גְוָוארֶען מִיט אַפִינְסְטֶערְנִישׁ. דִי שְׁטֶערִין זֶענִין פִינְסְטֶער גְוָוארִין. אַלוּ בֶּעלַייכְטוּנְגְן פוּן הִימֶעל זֶענִין פִינְסְטֶער גְוָוארֶען אוּנ עֶס אִיז גְוָוארֶען

גרוסע דינערין און בליצען און עס האט
גרעגינט מיט שטורעם. און דיא אלו קאנאלין
פון הינטען זענין געפינט געווארן:

(כח) דיא מצרים זענין געשלאגין געווארין
ביי דעם ים מיט צוויי הונדערט פופציג מכות אין
דיא מצרים וואס זענען געווען און מצרים זענען אויף
דאמאלס געשלאגן געווארן מיט צוויי הונדערט פופציג
מכות און איינער האט געזעהן דאם אנדערן:

(כט) צווייא מכשפים זענין געווען אין
מצרים. יוחני און ממרא האבין זייא זיך געמאכט
פליגל מיט כישוף און זענין געפלאגין אין דער
הייך איבער די וועלט און איבר דעם ים האט דער
מלאך גבריאל געזאגט צו השי״ת נאך מיט דיין
פיל גרוסקייט זאלסטו צוא ווארפען דיא וואס
שטייען אויף קעגין דיר. האט השי״ת געזאגט צום
מלאך מיכאל גיי שטראף זייא האט מיכאל זייא
גנומען בייא דיא האר און האט זייא אריין
געווארפען אין וואסער:

(ל) דער עמוד ענן האט געמאכט דעם
גרינד פון ים אזוי ווי ליים און דר עמוד אש האט
געמאכט הייס דיא ערדע. און דיא רעדער זענין
הינטען פאר בערענט געווארן אין גבוגין געווארען.
אין דיא ערד האבען מיט געוואלד אריין
געשלעפט די רייט וועגין און ים פיל מיט זילבער
אין גאלד און בריליאנטן:

(לא) ווען דיא יודין זענען אריין געגאנגען
אין ים. איז דר מלאך גבריאל מיט געגאנגען אין
האט זיי ארום גרינגלט ווי א מויער און האט זייא
גהיט און האט אום גרופן צו די וואסרן וואס אין
די רעכטע זייט איר זאלט היטן די יודין ווייל זיי
וועלין נעמין דיא תורה פון די רעכטע האנד פון
גאט. צו די וואסירן וואס אונ די לינקע זייט האט
ער געזאגט איר זאלט היטן דיא יודין ווייל זייא
וועלין לייגין תפילין אויף דיא לינקי האנד. צוא
דעם וואסר וואס פון פארנט האט ער געזאגט איר
זאלט היטן די יודין ווייל זיי זענין פון פארנט
גחתמת מיט דם ברית מילה. צו די וואסר וואס
פון הינטן האט ער געזאגט איר זאלט היטן די יודין
ווייל זיי האבן הינטן דעם קשר פון תפילין און
זיי האבן ציצית פון אלו פיר זייטן:

(לב) די צוויי מחנות זענען געשטאנין נעבין
ים. פון פארנט דיא מחנה יודין און פאר אום
פר זיי איז געווען א פייערדיגי זייל וואס האט באלייכט
די מחנה. אונטער די יודין איז געווען א וואלקענדיגער
זייל. און אינטער דעם זייל איז געווען די מחנה
מצרים. ביי די מחנה מצרים איז געווען פינסטער
אין די מצרים האבן געזעהן דורך דם וואלקן ווי
ביי די יודין איז לעכטיג און זיי עסין און טרינקען
אין פרייען זיך האבן די מצרים געווארפן אויף די
יודין פיילן און שטיינער און דער וואלקן האט
זיי אריין גנומין און זיך:

(לג) ווען דר לעצטער פון די יודין איז ארוס
גגאנגן פון דעם ים איז דער לעצטער פון דיא
מצרים אריין גגאנגן און ים. און דיא מלאכים
האבען אויף זיי גשאסן מיט פיילן און געווארפען
שטיינער און פייער מיט שוועבל:

(לד) די מצרים זענען פר חלשת געווארין
פון דעם ריח פון ים. זיי האבען ניט געקענט אויף
ציהן דעם אטים:

(לה) די מצרים וואס זענען אריין און ים
זענען אלו געשטארבן און איינר איז ניט לעבעדיג
נאר פרעה אליין איז גבליבן צו דר ציילען דיא
ווינדר וואס ער האט געזעהן אנדרו זאגין פרעה איז
אויף דער טרינקן געווארן:

(לו) אין דר פריה זענען אלו וואסרין אין
דם ים צוריק געווארן ווי זיי זענין פריער געווען: